Department of Health & Mental Hygiene | Department of Housing Preservation & Development

# בליי פארב סכנות אינדערהיים

## וואס טענאנטס זאלן וויסן און געביידע אייגנטימער מוזן טוהן צו האלטן היימער פארזיכערט

בליי (לעד) איז א גיפטיגע מאטעריאל וואס געפונט זיך אפט אין אלטע פארב. בליי פארב און די שטויב וואס עס ווערט ווערן די מערסטע אפט געפונען אלץ די אורזאך פון בליי פארגיפטיגונג אין קינדער. בליי פארגיפטיגונג קען פירן צו לערנען און אויפפירונג פראבלעמען אין קינדער. דאס באנוץ מיט בליי פארב אין פריוואטע געביידעס איז פארבאטן געווארן אין NYC אום 1960. געביידעס וועלכע זענען געבויט געווארן בעפאר 1960 קענען נאכאלץ מעגליך האבן בליי פארב אויף די ווענט, פענסטער, ווינדאָו סילס, טירן און אנדערע אויבערפלאכן. אויב די פארב הויבט זיך אן צו שיילן אדער אויב היים פאררעכטונגען ווערן געמאכט אויף אן אומזיכערן אופן, קענען בליי פארב און שטויב זיך פארשפרייטן ארום אייער היים. ווען קינדער לייגן זייערע הענט און שפילצייג אין זייערע מיילער, קענען זיי אראפשלינגען בליי שטויב.

צו העלפן באשיצן קינדער פון בליי פארגיפטיגונג, פארלאנגט די געזעץ פון געביידע אייגנטימער צו אידענטיפיצירן און פאררעכטן **בליי פארב סכנות** אין אפארטמענטס וואו קינדער פון פינף יאר אדער יונגער וואוינען אדער פארברענגען אויף א רעגלמעסיגן פארנעם צען שעה אדער מער א וואך. די געזעצן גייען אן אויב די געביידע האט רענטעל יוּניטס און עס איז געבויט געווארן בעפאר 1960 (אדער צווישן 1960 און 1978, אויב דער אייגנטומער ווייסט אז די געביידע האט בליי פארב).

> **בליי פארב סכנות** רעכענען אריין שיילנדע אדער געשעדיגטע בליי פארב; בליי פארב אויף ברעקלנדע פּלאסטער אדער שימלנדע האלץ; בליי פארב אויף טירן און פענסטער וועלכע רירן זיך אן, קלעבן אדער רייבן זיך צוזאם; און בליי פארב אויף ווינדאָו סילס און אויבערפלאכן וואס קינדער קענען צומאל קייען אויף.

**געביידע אייגנטימער מוזן:**

- אויסטיילן א **יערליכע מעלדונג** פאר אלע טענאנטס צו געוואויר ווערן אויב א קינדער פון פינף יאר אדער יונגער וואוינט אדער פארברענגט אויף א רעגלמעסיגן פארנעם צען אדער מער שעה א וואך אין דעם אפארטמענט. אינספעקטירט סיי וועלכער אפארטמענט וואו עס געפונט זיך א קינד פון פינף יאר אלט אדער יונגער פאר בליי פארב סכנות און גיבט א קאפיע פון די אינספעקציע געפינסן פאר דעם טענאנט. צו טרעפן די יערליכע מעלדונג און אנווייזונגען, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר "**lead paint annual notice**" (**בליי פארב יערליכע מעלדונג**).
- פאררעכטן בליי פארב סכנות אין אלע רענטעל יוּניטס נוצנדיג **זיכערע ארבעט באווארענונגען**, און זיכער מאכן אז עס זענען נישטא קיין בליי פארב אויף פענסטער און טיר אויבערפלאכן וואס רירן זיך אן, קלעבן אדער רייבן זיך צוזאם, בעפאר א נייער טענאנט ציהט זיך אריין. שטעלט צו צייטווייליגע האוזינג אויב בליי פארב סכנות קענען נישט פארראכטן ווערן זיכערערהייט מיט דעם טענאנט וואוינענדיג אין דעם אפארטמענט.
- איינמעלדן פאר די NYC דעפּארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (די העלט דעפּארטמענט) ווען מער פון 100 סקוועיר פיס פון בליי פארב וועלן צושטערט ווערן, אדער אויב צוויי אדער מער געפארבטע פענסטער וועלן ערזעצט ווערן. באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר "**notice of commencement form**" (**מעלדונג פון אנהויב פון ארבעט בויגן**).
- האלט רעקארדס פון אלעס וואס איז פארבינדן צו בליי פארב אינספעקציעס, מעלדונגען און פאררעכטונגען פאר צום וויינִיגסטנס 10 יאר.

**זיכערע ארבעט'ס באווארענונגען**

- נוצט ארבייטער און פירמעס סערטיפייד דורך די פאראייניגטע שטאטן ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור (U.S. Environmental Protection Agency, EPA) ביים פאררעכטן בליי פארב סכנות און מאכן אלגעמיינע פאררעכטונג ארבעט וואס צושטערט בליי פארב.
- הענגט אויף ווארענונג שילדן אינדרויסן פון די פלאץ וואו די ארבעט קומט פאר.
- רוקט אדער דעקט איבער אלע מעבל און פארזיגלט די ערד, טירן און אנדערע עפענונגען מיט פלאסטיק טעיפ וואס לאזט נישט אריבער וואסער.
- רייניגט טעגליך די פלאץ וואו די ארבעט קומט פאר מיט א נאסע מאפ אדער מיט א HEPA וואקום, **און** רייניגט מיט א נאסע מאפ און א HEPA וואקום נאך די ארבעט איז פארטיג.
- ברענגט א זעלבסטשטענדיגע EPA-סערטיפייד קאנטראקטאר צו מאכן שטויב ווייפ אונטערזוכונגען נאך די ארבעט איז פארענדיגט צו זיכער מאכן אז בליי שטויב שטאבלען זענען זיכער. גיבט א קאפיע פון די רעזולטאטן פאר דעם טענאנט.

**פינף-יאר טעסטינג פאדערונג (לאקאלע געזעץ 31 פון 2020)**

געביידע אייגנטימער מוזן טעסטן אלע אפארטמענטס פאר בליי פארב ביז אויגוסט 2025, אדער ביז איין יאר אויב א קינד פון פינף יאר אדער יונגער קומט וואוינען אדער פארברענגען אויף א רעגלמעסיגן פארנעם צען אדער מער שעה א וואך אין דעם אפארטמענט — די ערשטע צווישן זיי.

**טענאנטס מוזן:**

- ביז פעברואר 15, אויספילן און צוריקשיקן די יערליכע מעלדונג וואס איר באקומט פון דעם געביידע אייגנטומער. דער בויגן זאגט דעם אייגנטומער אויב סיי וועלכע קינדער וואוינען אדער פארברענגען צייט אויף א רעגלמעסיגן פארנעם אין אייער אפארטמענט.
- איינמעלדן דעם געביידע אייגנטומער אין שריפט אויב נאכן צוריקשיקן די יערליכע מעלדונג האט איר א בעיבי אדער אויב א קינד פון פינף יאר אדער יונגער קומט צו וואוינען אדער פארברענגען אויף א רעגלמעסיגן פארנעם צען אדער מער שעה א וואך אין אייער היים.

**וואס צו וויסן איבער בליי פארב פארלעצונגען**

- די NYC דעפארטמענט פון האוזינג אפהיטונג און אנטוויקלונג ( Department of Housing Preservation and Development, HPD) וועט אינספעקטירן פאר בליי פארב סכנות אין סיי וועלכן אפארטמענט וואו א טענאנט האט גערופן **311** מיט א האוזינג אויפהאלטונג קאמפלעינט און א קינד פון פינף יאר אדער יונגער וואוינט אדער פארברענגט אויף א רעגלמעסיגן פארנעם צען אדער מער שעה א וואך דארט, אויב די געביידע איז געבויט געווארן בעפאר 1960.
- אויב די HPD טרעפט א בליי פארב סכנה, וועט דער אינספעקטאר ארויסגעבן א פארלעצונג ווארענונג פאר דעם געביידע אייגנטומער, און דער אייגנטומער וועט געפאדערט ווערן צו פאררעכטן די סכנות ביז א געוויסע טערמין.
- דער געביידע אייגנטומער מוז נוצן זיכערע ארבעט'ס באווארענונגען, אריינרעכענענדיג ארבייטער און פירמעס וועלכע זענען סערטיפייד דורך די פאראייניגטע שטאטן EPA, צו פאררעכטן סכנות'דיגע פארלעצונגען אדער צו אראפנעמען בליי פארב פון טירן אדער פענסטער וואס רירן אן, קלעבן אדער רייבן זיך צוזאם.
- טייל פארלעצונגען וועלן פארלאנגען פון די HPD צוריקצוקומען צו דעם אפארטמענט צו אינספעקטירן און קוקן אויב דער אייגנטומער האט אויסגעפירט די ארבעט. אויב דער געביידע אייגנטומער פאררעכט נישט א בליי פארב פארלעצונג, וועט די HPD פאררעכטן די סכנה. דאס וועט מעגליך פארלאנגען מערערע באזוכן. עס איז וויכטיג פאר טענאנטס צו צושטעלן צוטריט פאר די HPD און אריינצולאזן בויען ארבייטער אדער קאנטראקטארס אין דעם אפארטמענט צו מאכן סיי וועלכע נויטיגע פאררעכטונגען.
- די HPD וועט מעגליך בעטן א געביידע אייגנטומער פאר בליי פארב רעקארדס און וועט מעגליך אינספעקטירן אנדערע טיילן פון די געביידע. די HPD וועט ארויסגעבן פארלעצונג ווארענונגען פאר פעלנדע רעקארדס אדער פאר סיי וועלכע סכנה וואס איז געטראפן געווארן דורכאויס אן אינספעקציע.

**העלפט פארמיידן בליי פארגיפטיגונג**

- רופט **311** צו לערנען מער איבער וויאזוי צו פארמיידן בליי פארגיפטיגונג אדער וואו צו באקומען א בליי טעסט, אדער צו באשטעלן מער קאפיעס פון דעם דאקומענט אדער אנדערע מאטעריאלן איבער בליי פארגיפטיגונג פארמיידונג.
- באריכטעט אויב די פארב שיילט זיך, ברעכט זיך אדער ווערט לויז אין אייער אפארטמענט פאר דעם געביידע אייגנטומער. אויב דער געביידע אייגנטומער פאררעכט נישט שיילנדע פארב אדער אויב איר טראכט אז פאררעכטונגען ווערן געטוהן אויף אן אומזיכערן אופן, רופט **311**.
- באשטעלט אן אומזיסטן בליי טעסט קיט פאר טרונקן וואסער דורכן רופן **311**. איר וועט באקומען די רעזולטאטן ביז 30 טעג פונעם אריינגעבן די וואסער סעמפל.
- וואשט די ערד, ווינדאָו סילס, הענט, שפילצייג און צומיס אפטערהייט.
- דערמאנט אייער דאקטאר צו טעסטן אייער קינד פאר בליי פארגיפטיגונג ביי איין און צוויי יאר אלט. פרעגט דעם דאקטאר איבער טעסטן עלטערע קינדער. אויב איר האט נישט קיין דאקטאר, רופט **311** פאר הילף צו טרעפן איין.

אייגנטימער פון א געביידע מיט רענטעל יוניטס מוזן גיבן דעם דאקומענט פאר טענאנטס ווען זיי שרייבן אונטער א ליעס אדער ציהען זיך אריין אין אן אפארטמענט אויב די געביידע איז געבויט געווארן בעפאר 1960 (אדער צווישן 1960 און 1978, אויב דער אייגנטומער ווייסט אז די געביידע האט בליי פארב). די דאקומענט אנטהאלט די עיקר אינפארמאציע איבער בליי פארב, עס איז נישט געווידמעט צו גיבן לעגאלע ראט, און עס ווערט צוגעשטעלט בלויז פאר אייער באקוועמליכקייט. פאר א קאפיע פון די געזעצן און תקנות וואס גייען אן, באזוכט **nyc.gov/hpd** און זוכט פאר "**lead poisoning**" **(בליי פארגיפטיגונג)**. פאר מער אינפארמאציע איבערן פארמיידן בליי פארגיפטיגונג, באזוכט **nyc.gov/lead**.